### סעיף א

# ווי א קנעכט באדינט זיין האר

**חייב אדם לשרת את אבותיו כאילו היה עבדם. יתן להם לרחוץ את ידיהם, ויכין את השלחן[א], מאכיל ומשקה אותם, מלביש, ומכסה, מכניס, ומוציא[ב], ובשאר דברים שהשמש משמש את רבו[ג].**

א מענטש איז מחויב צו באדינען זיינע עלטערן אזוי ווי ער וואלט געוועזן זייער קנעכט, ווי למשל: זיי געבן וואסער צו וואשן זייערע הענט, אנגרייטן דעם טיש, געבן עסן און טרינקען, זיי אנטון, צודעקן, העלפן אריינקומען און ארויסגיין, און מיט אנדערע זאכן מיט וואס א באדינער באדינט זיין האר.

**שאלה:** די מצוה פון באדינען עלטערן איז נאר ווען זיי זענען אלט אדער שוואך?

**תשובה:** ניין. אזוי ווי א קנעכט וואס באדינט זיין האר אויף סיי-וועלכן אופן, נישט קיין חילוק צי דער בעל הבית האט געגוג כח אדער נישט – דאס זעלבע דארף א קינד באדינען זיינע עלטערן אפילו ווען זיי זענען געזונט און שטארק. עס איז נישט קיין חילוק ווי אלט זיי זענען און וויפיל כח אדער צייט זיי האבן.

ווי פארשטענדליך, אבער, זענען דא באדינונגען וואס זענען שייך צו טון נאר פאר שוואכע אדער נישט-געזונטע מענטשן, ווי למשל: זיי אנטון, צודעקן, און דאס גלייכן[ד].

*

**א.** ע"פ ילקוט מעם לועז פ' יתרו. **ב.** שו"ע (יו"ד, סי' ר"מ). **ג.** רמ"א (שם). **ד.** בשם

**שאלה: צי איז דא א שיעור וויפיל מען דארף באדינען די עלטערן?**

**תשובה:** די מצוה פון מכבד זיין עלטערן איז נישט אפהענגיג אין א געוויסן זמן אדער א געוויסער צאל. דער וואס האט די זכיה אז ער האט ב"ה עלטערן אויף לאנגע יארן קען דאס מקיים זיין בכל יום ובכל עת ובכל שעה. דערצו איז מען מקיים נאך א מצוה מיט יעדער פעולה וואס מען טוט פאר זיי, למשל:

ווען מען גרייט אן פאר די עלטערן וואסער צו וואשן די הענט איז מען מקיים די מצוה איינמאל, און ווען מען ברענגט זיי צו עסן און טרינקען ווערט דאס גערעכנט פאר נאך א מצוה. יעדעס מאל וואס מען באדינט זיי באקומט מען נאך און נאך מצוות. אזוי קען מען פארדינען דערפון מצוות אן א צאל.[ה]

אזוי אויך דארף מען געדענקען, אז פונקט ווי ביי אנדערע מצוות, ווי עסן מצה, שאקלען לולב, זיצן אין א סוכה, זוכט קיינער נישט זיך ארויסצודרייען דערפון, נאר פארקערט, יעדער וויל און שטרענגט זיך אן דאס מקיים צו זיין מיט דער גרעסטער שמחה, אריינלייגנדיג דערין אסאך געלט, כח און מי - פונקט אזוי דארף מען זען מקיים צו זיין את-די גרויסע און חשוב'ע מצוה פון כיבוד אב ואם.[ו]

### באדינט זיין טאטע ווי זיין האר

מוה"ר משה חיים ראזנפעלד הי"ו האט דערציילט: מיין זיידע ע"ה האט אין זיינע עלטערע יארן געליטן פון דער מחלה "פּאַרקינסאָן", ר"ל (דאס איז א קרענק אין די ביינער), און ער האט זיך נישט געקענט אליין באדינען.

---

הרה"ג ר' משה חיים אפרים פאדווא שליט"א, גאב"ד התאחדות קהלות החרדים לאנדאן.
**ה.** ע"פ ספר כבוד אב ואם (הערה טו), עיין שם הטעם דלא נמנה בהדי הדברים שאין להם שיעור. **ו.** ע"פ ספר ויברך דוד מהרה"ג ר' ישראל דוד הארפענעס שליט"א (פרק ב' אות י').

דערפאר האט מיין טאטע, הרה"ח ר' יעקב גרשון ע"ה, זיך איינגעטיילט מיט זיין ברודער, ר' אברהם שלום ע"ה, אים צו באדינען. ווינטער איז מיין זיידע געווען ביי מיין פעטער, און זומער ביי מיין טאטן. כדי מיין זיידע זאל זיך פילן אנגענעם און באקוועם, האט מיין טאטע צוגעבויט פאר אים נאך א שטוב ביי זיך אינדערהיים.

מיין טאטע האט מקיים געווען די מצוה פון כיבוד אב, פשוטו כמשמעו, אזוי ווי עס שטייט אין שו"ע, "כעבד המשמש את רבו": ער האט אים געפיטערט עסן, אריינגעלייגט אין בעט, אויפגעשטעלט, אנגעטון, און אזוי ווייטער.

דאס אלעס איז געווען סתם א טאג. פרייטאג, אבער, איז געווען א מסכתא פאר זיך. מיין זיידע האט זייער געוואלט גיין אין מקוה לכבוד שב"ק, כאטש דאס איז געווען זייער א שווערע אונטערנעמונג פאר מיין טאטן, דארפנדיג זוכן אוןווארטן אויף א קאר אים צו נעמען אין ביהמ"ד, וואס דאס אליין האט געקענט נעמען א צוואנציג מינוט.

דערנאך האט די מקוה גענומען בערך א שעה, און נאכדעם האט ער ווידער געדארפט זוכן א קאר אויף צוריק. דאס אלעס איז געווען אויפ'ן חשבון פון זיינע אייגענע הכנות צום שבת קודש. דאך האט ער עס געטון מיט א געוואלדיגער איבערגעגעבנקייט.

מיין טאטע האט אוועקגעגעבן פאר זיין טאטן זיין געלט, כח און צייט, איז טאקע אויף אים מקויים געווארן וואס עס שטייט אין תהלים: "כל היום חונן ומלוה וזרעו לברכה" - דער וואס טוט א גאנצן טאג צדקה און חסד, ווערן זיינע קינדער געבענטשט. דאס איז געזאגט געווארן ווען מען טוט אפילו פאר סתם א מענטש - איז דאך זיכער אזוי ווען מען טוט פאר די אייגענע עלטערן.

מיין טאטע האט זוכה געווען צו זען קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך, עוסקים בתורה ובמצוות, תלמידי חכמים ומרביצי תורה, גרויסע בעלי צדקה ומחזיקי תורה. פון זיי זענען דא עטליכע גרויסע בעלי הוראה ודיינים מפורסמים. דאס זענען די אמת'ע פירותיהם בעולם הזה.

## זוכה געווען צו א בן זכר

ווי דערמאנט פריער, האט ר' אברהם שלום ראזנפעלד ע"ה געהאלטן זיין קראנקן טאטן ביי זיך אינדערהיים. ער, אזוי ווי זיין ברודער, האט זיך אפגעגעבן מיט זיין טאטן מיט א געוואלדיגער איבערגעגעבנקייט.

נאך זיין חתונה, האט ר' אברהם שלום געווארט צוואנציג יאר, ביז ער האט זוכה געווען צו א בן זכר.

אזוי ווי דאס איז גאר א זעלטענע זאך אז איינער זאל האבן א קינד נאך אזא לאנגער צייט, איז עס ביי אים און ביי אלעמען געווען א גרויסער וואונדער.

ביי דער וואך-נאכט פונעם קינד, האט ר' אברהם שלום געלערנט אין א ספר די ענינים פון א ברית. אינמיטן לערנען האט ער צו זיין גרויסער ערשטוינונג געטראפן א מדרש תנחומא[ז] מיט אט-דעם לשון:

"מי הקדימני בכיבוד אב ואם, ולא אשלם בבן זכר" - דער אויבערשטער פרעגט, "איז דען דא א מענטש וואס האט מכבד געווען זיינע עלטערן, און איך האב אים נישט באצאלט מיט א בן זכר?"

דאס מיינט צו זאגן אז עס איז א זיכערע זאך אז ווען איינער איז מכבד זיינע עלטערן ווערט ער געבענטשט מיט א בן זכר[ח].

מיט דעם איז שוין זיין וואונדער פארענטפערט געווארן. ער איז געהאלפן געווארן מיט א בן זכר נאר אין זכות פון באדינען און זיך אפגעבן מיט זיין פאטער.

**(געהערט פון ר' משה חיים)**

## באלד מקיים זיין א מצוה דאורייתא

הרה"ג רבי משה נתן לעמבערגער זצ"ל, אבד"ק מאקאווא, פלעגט הייסן בחורים וואס זענען געווארן בר מצוה, אז בשעת דער סעודה זאלן זיי

---

**ז.** פרשת קדושים (סימן ט"ו). **ח.** זע אין ספר מדרש תלפיות (אות א', ענף אב ואם) אז

אליין דערלאנגען פאר זייער טאטן דאס עסן און די געטראנקען, טראץ דעם וואס געוועגליך זענען דא סערווירערס וואס טיילן אויס דאס עסן, כדי אז תיכף ומיד ווען מ'ווערט מחוייב במצוות, זאל מען מקיים זיין אט-די טייערע און באליבטע מצוה דאורייתא פון כיבוד אב.

## "עליונים למטה ותחתונים למעלה"

אין איינער פון די ספרד'ישע מדינות איז געווען א צדיק, וואס זיין הויז איז געווען נאענט צום בית החיים. ער פלעגט זיך פירן ארויסצוגיין ביי יעדער לויה וואס פלעגט זיין אין שטאט.

איינמאל איז נפטר געווארן א גאר אנגעזעענער איד, וואס פלעגט געבן אסאך צדקה און טון פיל חסד פאר יעדן נצרך. א גרויסער עולם איז געקומען אפגעבן דעם לעצטן כבוד פאר דעם אנגעזעענעם איד, און אזוי ווי ביי אנדערע לוויות, איז מען דאסמאל אויך דורך נעבן דעם צדיק'ס וואוינונג און געווארט אז ער זאל ארויסקומען. אבער צו אלעמענס וואונדער, האט מען געזען ווי דער צדיק זיצט נעבן זיין טיר און ער רירט זיך נישט פון ארט. נאך א ווײלע וואס די באגלייטער האבן געזען אז דער צדיק קומט נישט, זענען זיי ווייטער געגאנגען.

אויפצומארגנס האט ווייטער פאסירט אן אומגליק, און עס איז נפטר געווארן נאך א איד פון שטאט, און וויבאלד דער נפטר איז געווען זייער א פשוט'ער, און דערצו האט ער נישט געהאט קיין גרויסע שייכות מיט מענטשן, איז געווען גאר א קליינער עולם פון מענטשן ביי זיין לויה. די חברה-קדישא לייט האבן פארשטאנען אז אויב דער צדיק איז נישט ארויס ביי דער נעכטיגער לויה, וועט ער זיכער נישט ארויסקומען ביי דער לויה פון דעם פשוט'ן איד.

---

אפילו מען זעט נישט אלעמאל אז עס איז אזוי, דאך דארף מען האבן אמונה אין דברי חז"ל, און מען דארף וויסן אז עס זענען דא אין דעם הימלישע חשבונות וואס מיר קענען נישט פארשטיין.

ווי ערשטוינט זענען זיי אבער געווארן ווען זיי האבן געזען אז ווי-נאר דער צדיק האט באמערקט די מיטה דורכגיין איז ער אויפגעשפרונגען מלא קומתו, און ער האט באגלייט דעם נפטר ביז צום בית החיים מיט אן אויסערגעוועהנליכן כבוד.

באלד נאך דער לויה, האבן די חברה-קדישא לייט זיך געוואנדן צום צדיק און געפרעגט מיט גרויס וואונדער: "הייליגער רבי! מיר ווילן פארשטיין דאס אומפארשטענדליכע התנהגות מיט די צוויי נפטרים."

האט דער צדיק זיי קורץ געענטפערט: "עליונים למטה ותחתונים למעלה, וכל האדם כוזב" - מענטשן וואס זענען אויס פונדרויסן גרויס, זענען קליין, און די וואס זענען אויס קליין זענען גרויס. אט גייט אריבער צו די הייזער פון די צוויי נפטרים, און איבערצייגט אייך אליין."

די חברה-קדישא לייט האבן זיך גלייך געלאזט אויפ'ן וועג צום הויז פונעם פשוט'ן נפטר. אנקומענדיג האבן זיי געבעטן דער פרוי, זי זאל זיי דערציילן איבער דעם התנהגות פון איר מאן. האט זי מיט וואונדער געפרעגט: "וואס ווילט איר וויסן פון מיין מאן? ער איז דאך געווען זייער א פשוטער מענטש!"

דאן האט זי זיך אנגערופן: "איין גוטע זאך האט ער אבער יא פארמאגט. ער האט געהאט אן אלטן טאטן, וואס האט געלעבט איבער הונדערט יאר, און אין זיינע לעצטע יארן האט ער גארנישט אליין געקענט טון; אפילו זיך דרייען אין בעט פון איין זייט צום צווייטן איז אים געווען אוממעגליך.

"טראץ דעם וואס מיין מאן איז נישט געווען קיין גרויסער בעל-השגה, און דערצו איז ער געווען א גרויסער מפונק, פלעגט ער באדינען זיין טאטן מיט א געוואלדיגער איבערגעגעבנקייט. ער איז געווען צוגעבונדן צו אים בייטאג און ביינאכט, דארפנדיג אים טוישן זיינע קליידער, געבן צו עסן און טרינקען אין מויל, אא"וו.

"דאס אלעס האט ער געטון מיט א געוואלדיגער רואיגקייט און פרייליכקייט. נאכמער: טראץ דעם וואס אונזערע קינדער וואלטן אים געקענט העלפן, האט מיין מאן זיי נישט געלאזט, וועלנדיג אליין האבן די זכי' צו באדינען זיין טאטן."

ווען די חברה-קדישא לייט האבן דאס געהערט האבן זיי שוין פארשטאנען פארוואס דער צדיק האט אים אפגעגעבן אזויפיל כבוד.

יעצט האבן זיי זיך ארויס געלאזט אויפ'ן וועג צום הויז פונעם אנדערן נפטר. ווען זיי זענען אנגעקומען האבן זיי געבעטן פון זיין פרוי, אז זי זאל דערציילן איבער די מעשים פון איר מאן.

מיט א וויינענדיג קול האט זי געזאגט: "אוי! מיין מאן איז דאך געווען אזא צדיק! יעדע נאכט האט ער זיך איינגעשפארט אין א שטוב וואו קיינער האט נישט געטארט אריינגיין, און דארט פלעגט ער אפרעכטן תיקון חצות.

"אויסער דעם איז ער געווען זייער א גוטהארציגער מאן. ער פלעגט מיר אסאך צוהעלפן און איינקויפן אלעס וואס איך האב געוואלט."

הערנדיג דאס, איז עס פאר די חברה-קדישא לייט געווען א גרויסע פלא. זיי האבן נישט פארשטאנען וואס דער צדיק האט קעגן דעם נפטר.

שטייענדיג אזוי פארוואונדערט, רופט זיך אן די פרוי: "זיין געטריישאפט צו מיר איז געווען אזוי גרויס, אז אפילו ווען זיינע עלטערן האבן אים געבעטן א טובה, ער זאל זיי קומען העלפן, האט ער זיך געבייזערט אויף זיי, זאגנדיג: 'איך קען אייך געבן געלט, אבער איך האב נישט קיין צייט זיך אפצוגעבן מיט אייך.'

"טראץ דעם גרויסן צער וואס זיינע עלטערן האבן געהאט פון אים," האט די פרוי ווייטער דערציילט, "האט ער צוליב זיין איבערגעגעבנקייט פאר מיר זיך נישט צו טון געמאכט פון זיי, טענה'נדיג אז אין דער תורה שטייט: 'על כן יעזב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו', דעריבער דארף ער זיין פארנומען מיט זיין אייגענע שטוב."

ווען די חברה-קדישא לייט האבן דאס געהערט, האבן זיי שוין פארשטאנען וואס דער צדיק האט געזאגט, "עליונים למטה ותחתונים למעלה".

עס איז זיי אבער געווען א גרויסער וואונדער, ווי אזוי אזא ערליכער איד וואס פלעגט אפרעכטן חצות יעדע נאכט האט זיך אזוי אויפגעפירט

מיט זיינע עלטערן. האבן זיי באשלאסן אז מען דארף אריינגיין, קוקן אין דער באהאלטענער "תיקון חצות" שטוב וואס עס קומט דארט פאר.

ווען זיי זענען אריין דארט, איז זיי געווארן שווארץ פאר די אויגן: געוואלד! עס איז דארט געשטאנען א גרויסע גאלדענע געטשקע, ר"ל.

מיט גרויס אויפרעגונג זענען זיי אנטלאפן פון דארט. יעצט האבן זיי שוין גוט פארשטאנען וואס דער צדיק האט געזאגט: "כל האדם כוזב". דער פארשטארבענער איז געווען גארנישט מער ווי א ליגנער, וואס האט פארנארט מענטשן.

ווי עס זעט אויס, איז די מצוה פון כיבוד אב ואם דער ריכטיגער אויספרואוו-מיטל, אפצושאצן ווער עס שטייט ווירקליך הויך, ווער עס איז באמת "למעלה".

**("אהבת חיים", פרשת יתרו)**

## דער מלאך פון דער מצוה האט געהאלפן

ר' י.א.ש. האט דערציילט א מעשה וואס "בדידיה הוה עובדא": ווען מיין טאטע ע"ה איז געווען אן עלטערער איד, און עס איז אים אנגעקומען זייער שווער צו גיין, איז ער איינמאל גייענדיג אראפגעפאלן און זיך שטארק צעקלאפט דעם קאפ. וויבאלד ער האט נישט געוואלט אריינפארן אין שפיטאל מיט אן אמבולאנס, האב איך אים גענומען מיט מיין קאר, און איך בין געפארן אביסל שנעלער ווי ערלויבט, וועלנדיג אנקומען ווי שנעלער צום שפיטאל*.

אינמיטן וועג האב איך פלוצלינג באמערקט אז א פאליציאנט פארט מיר נאך, האב איך גלייך אנגעהויבן צו פארן לאנגזאמער, האפנדיג אז ער וועט מיך נישט אפשטעלן. אבער ס'איז שוין געווען צו שפעט, און ער האט מיר געהייסן זיך אפשטעלן.

---

* להלכה, טאר מען נישט פארן מיט א שנעלקייט וואס איז קעגען געזעץ, ווייל "דינא דמלכותא דינא", נאך דערצו ווען דורך דעם שטעלט מען איין זיך און אנדערע אין א סכנה ח"ו (הערת הרה"ג ר' יעקב יוסף ברייער שליט"א, דומ"ץ דק"ק סקווירא - אנטווערפן).

למען יאריכון ימיך

מצות כיבוד

במעשה

באדינען און העלפן

סעיף א

ער איז ארויסגעקומען פון זיין קאר, און איך האב אים באלד געזאגט וואס עס האט פאסירט מיט מיין טאטן און זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל רחמנות האבן און מיר נישט געבן קיין טיקעט.

דער אנטשלאסענער פאליציאנט האט אבער גארנישט רחמנות געהאט, און מיט א קאלטן שמייכל האט ער זיך אנגערופן: "אויב עס איז טאקע אזוי ערנסט, דעמאלט רוף אן אמבולאנס." אבער מיין טאטע האט זיך געהאלטן ביי זיינס און בשום אופן נישט געוואלט הערן דערפון.

איך האב זיך נאכאמאל איינגעבעטן ביים פאליציאנט און פארשטיין געגעבן אז געווענליך גיב איך זייער אכטונג צו דרייווען לויט די געזעצן, נאר יעצט צוליב דעם וואס איך האב מורא געהאט פאר מיין טאטנ'ס געזונט, האב איך זיך ערלויבט צו פארן אביסל שנעלער. עס איז אבער נישט געווען צו וועמען צו רעדן. דער פאליצייי-מאן האט מיר געגעבן א טיקעט און אוועקגעפארן.

די שטראף פון א טיקעט איז איינגעטיילט אין צוויי: אויסער דער געלט-שטראף, באקומט מען אויך "פוינטס" אויפ'ן לייסענס (אויב מען האט צופיל פוינטס פארלירט מען די לייסענס און די רעכט צו דרייווען). אויב מען וויל זיך פטר'ן פונעם טיקעט, דארף מען גיין צום משפט צום באשטימטן טאג וואס שטייט אויפ'ן טיקעט.

צום באשטימטן טאג בין איך געפארן צום געריכט. איך בין שוין געשטאנען גרייט מיט מיינע טענות קעגן דעם פאליציאנט, אבער, צו מיין ערשטוינונג האט דער שופט אויסגערופן:

"דער וואס באצאלט יעצט דעם געלט-קנס ווערט פריי פון באקומען פוינטס. ווער עס וויל נישט יעצט באצאלן דארף צוריקקומען אין אן אנדערן טאג, און דעמאלט, אויב געווינט מען נישט דעם משפט, וועט מען דארפן צאלן סיי דאס געלט און דערצו באקומען פוינטס.

רוב מענטשן, און איך צווישן זיי, האבן זיך צוגעכאפט צום פארשלאג צו צאלן דאס קנס-געלט. טראץ דעם וואס דער סכום אויף מיין טיקעט איז נישט געווען קיין קליינער, דאך האב איך צוגעשטימט, נישט וועלנדיג האבן צו טון מיט דעם אומפריינדליכן פאליציאנט.

איך האב זיך געשטעלט אין דער רייע צוזאמען מיט די אלע וואס האבן געוואלט באצאלן. צוביסלעך האט זיך די שורה געררוקט, און יעדער אן קיין שום אויסנאם האט באצאלט דאס קנס-געלט.

ווען איך בין אנגעקומען צום שופט, האלטנדיג דעם טשעק אין האנט, האט זיך דער שופט צו מיין איבערראשונג אנגערופן: "גיי, דו דארפסט נישט באצאלן." איך האב אים אנגעקוקט פארוואונדערט, נישט גלייבנדיג וואס איך הער, האט ער מיר א מאך געגעבן מיט דער האנט אז איך זאל שוין גיין. איך האב געהויבן פיס און פארשוואונדן פון דארט.

ביז היינט פארשטיי איך נישט פארוואס ער האט דאס געטון. ווי עס זעט מיר אויס, האט ער אליין נישט געוואוסט פארוואס ער טוט עס, נאר דער מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון דער גרויסער מצוה פון כיבוד אב האט אים געפירט אזוי צו אורטיילן.

## עלטערן בלייבן עלטערן

אין דער פאניוויעזשער ישיבה האט געלערנט א בחור מיט'ן נאמען זבולון, וועמענ'ס עלטערן זענען געווען אלט און קראנק, און ער פלעגט זיי דארפן אסאך צוהעלפן.

געווענליך פלעגט זבולון אהיימקומען ערשט נאכדעם וואס דער נאכטמאל איז שוין געווען געקאכט. איינמאל האט ער געדארפט אהיימקומען פריער, און צו זיין גרויס ערשטוינונג האט ער באמערקט עפעס גאר מאדנע: ער האט געזען ווי זיין מאמע איז ארויס אין הויף, וואו זיי האבן געהאט א שטייג פון עופות. זי האט ארויסגענומען אן עוף און פארשוואונדן געווארן דערמיט. עס זענען נישט דורך קיין פופצן מינוט, און די מאמע איז אריינגעקומען אין קיך מיט'ן עוף, שוין גרייט אפגעקאכט צו ווערן.

- ווי אזוי קען זיין אז אין אזא קורצער צייט זאל מיין מאמע שוין האבן געווען ביים שוחט און באזאלצן דאס פלייש? - האט זיך זבולון געוואונדערט.

דעם קומענדיגן טאג, איז זבולון שטילערהייט נאכגעגאנגען זיין מאמען - אומגלויבליך! ער האט געזען ווי זי נעמט ארויס אן עוף, און מיט א מעסערל שניידט זי אפ דעם קאפ!

- אוי, געוואלד! מיין מאמע האט מיך ביז היינט אנגעשטאפט מיט נבילות וטריפות!

-מיט אזעלכע עלטערן קען איך מער נישט וואוינען! - האט ער באשלאסן מיט א שווער הארץ. ער האט שנעל צוזאמענגעפאקט זיינע זאכן און זיך געלאזט אין וועג צוריק צו דער ישיבה. אנקומענדיג אין ישיבה האט ער באגעגנט זיין חבר בערל. ער האט אויסגעפלאצט אין א געוויין און אים דערציילט זיין ביטערע איבערלעבעניש.

בערל האט אים גע'עצה'ט אז ער זאל שוין קומען מיט אים צו דעם "חזון איש" זצ"ל. אנקומענדיג האט בערל דערציילט פאר'ן חזון איש די גאנצע מעשה, אבער אנשטאט אן ענטפער, האט דער חזון איש געפרעגט: "וואס ווילט איר פון מיר? צי דען זאל איך זאגן פאר א קינד אז ער זאל איבערלאזן זיינע קראנקע עלטערן? איך קען דאס נישט זאגן!"

זבולון און בערל זענען באלד ארויס פונעם צימער. זיי האבן אפגעטייטשט די ווערטער פונעם חזון איש אז ער האלט קלאר אז זבולון זאל מער נישט אהיימגיין, נאר ער קען עס אים נישט הייסן טון. אינמיטן רעדן האט דער משמש זיי פלוצלינג איבערגעריסן און געזאגט: "דער רבי רופט אייך צוריק אריין אין זיין צימער."

ווען זבולון און בערל זענען אריין, האט זיי דער חזון איש געזאגט: "אזוי ווי איר פארשטייט נישט ריכטיג מיין כוונה, וועל איך אייך דאס ערקלערן: איך האלט, אז טראץ דעם וואס זבולון איז נכשל געווארן דורך זיין מאמען מיט אזא הארבן איסור, דאך - עלטערן בלייבן עלטערן, דערפאר טאר זבולון זיי נישט איבערלאזן אליין*. נאר וואס דען? פון יעצט און ווייטער

* זע שו"ע יורה דעה (סימן ר"מ, סעיף י"ח), א מחלוקת פונעם מחבר מיט'ן רמ"א איבער דעם ענין. ס'קען זיין אז דער חזון איש האט געהאלטן אז זבולונ'ס עלטערן האבן א הלכה פון "תינוקות שנשבו", דערפאר זענען זיי נאך געווען בגדר "עמך". למעשה, וויבאלד

זאל ער זייער אכטונג געבן נישט געשטרויכלט צו ווערן מיט מאכלות אסורות."

**(הגדת הגאון רבי שלום שבדרון זצ"ל)**

---

די דאזיגע הלכה איז קאמפליצירט, דארף מען ביי יעדן פאל זיך דורכשמועסן מיט א מורה הוראה צו הערן א דעת תורה ווי אזוי עס צו באהאנדלען (הערת הרה"ג ר' ישראל דוד הארפענעס שליט"א).

סעיף ב

# באדינען מיט א פריינדליך פנים

**ויתננו לו בסבר פנים יפות, שאפילו מאכילו בכל יום פטימות, והראה לו פנים זועפות נענש עליו**[ט]**.**

מען דארף באדינען די עלטערן מיט א שיין און פריינדליך פנים, ווייל אויב מען גיט זיי אפילו יעדן טאג די בעסטע סארטן עסן, אבער אז מען טוט דאס מיט א זויער פנים, ווערט מען ח"ו באשטראפט דערויף.

**שאלה:** ווען מען באדינט די עלטערן און מען שטעלט זיי צו אלע געברויכן, פארוואס פעלט נאך אויס אזוי וויכטיג אז מען זאל עס טון מיט א פריינדליכקייט; די עלטערן האבן דאך בכל אופן הנאה?

**תשובה:** מיר וועלן עס פארשטיין מיט דער פאלגענדער מעשה א איד איז געקומען ערב שבת אין א געוויסער שטאט זיך אויפצוהאלטן דארט איבער שבת. נאכפרעגנדיג זיך וואו עס איז דא א פלאץ איינצושטיין האט מען אים צוגעוויזן אן אכסניא.

ווען דער איד איז אנגעקומען צום אדרעס, האט ער געקלאפט אין טיר און געווארט אויף א שיינער אויפנאמע. צו זיין גרויס באדויער, האט אים דער בעה"ב אויפגענומען מיט א זויער פנים, און אים געזאגט מיט א בייזן קול: "קום אריין."

דער גאסט איז אריין, און דער בעל הבית האט אים אריינגעפירט אין א שטוב וואו עס איז געווען אנגעגרייט אסאך גוטע עסן. דער בעל הבית איז ארויסגעגאנגען און איבערגעלאזט דעם גאסט אליין.

---

**ט.** שו"ע יורה דעה (סימן ר"מ, סעיף ד').